די ראיאן-קאנפערענץ פון אלע פאדליאשער אגודות אין שעדלעץ.

[צ-ר] דער טאג, כ"ח מנחם-אב תרפ"ו, וועט בלי ספק פארנעמען א חשוב'ן פלאץ אין דער געשיכטע פון דער אויפלעבונג פון ארטאדאקסישען יודענטום אין פוילען.

אין דעם דאזיגען טאג זענען זיך, דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע פון דער אגודה בעוועגונג אין פאדליאשע, צונויפגעקומען העכער 40 אגודה-עסקנים פון די פערוואָרפענסטע ווינקעלעך אין פאדליאשער ראיאן מיט דער איינציגער אידעאלער כונה: א סוף צו מאכען צו דער שעדליכער אפאטיע און יאוש, וואס האט זיך במשך פון דער צייט קונה שביתה געווען אין די רייהען פון דער ארטאדאקסישער מחנה, און אנצוהויבען א אינטענסיווע טעטיגקייט אויף אלע געביטען.

דער דאזיגער טאג האט בעוויזען, אז דאס ארטאדאקסישע יודענטום אין פאדליאשע לעבט און איז גרייט מיט אלע כחות, צו העלפען שמידען ווייטער דעם אור-אלטען תורה-אידעאל צוזאמען מיט'ן אלוועלטליכען ארטאדאקסישען יודענטום.

פאר דער ערעפנונג.

שוין פון גאנץ פריה לאזט זיך אנמערקען אין אגודה לאקאל, וואו ס'איז טעטיג דער סעקרעטאריאט פון ארגאניזיר-קאמיטעט, א בעזונדערע לעבהאפטיגקייט. די אנקומענדע דעלעגאטען, אין א צאהל פון העכער 40 פון א רייה שטעדט אין פאדלאשע, זאמלען זיך צונויף גרופענווייז און האלטען אב פערשיעדענע בעראטונגען. אלע זענען דורכגעדרונגען מיט דעם גאנצען ערנסט פון מאמענט, אלע געבען זיך אב א גענויעם דין וחשבון פון דער גרויסער אחריות פון דער ארבייט, אלע שפירען, אז די קאנפערענץ וועט נישט בלויז דארפען אויפלעבען די פאדליאשער אגודות, נאר וועט אויך דארפען געבען דעם שטויס דעם אלפוילישען אגודה-אפאראט צו א פראדוקטיווער און אינטענסיווער טעטיגקייט.

די ערעפנונג.

ביי א אלגעמיינער שפאנענדער שטילקייט עפענט די ראיאן-קאנפערענץ פונקטליך 2 נ. מ. ה' מאיר שווארצמאן, וועלכער זאגט צווישען אנדערעס:

אין א מאמענט ווען טויזענדער יודישע נשמות זענען אבגעריסען געווארען פונם יודישען שורש און זיך געוואלגערט אין די שמוציגסטע תהומות און געזוכט זייער תיקון; אין א מאמענט ווען יעדער דורכשניטליכער רעליגיעזער יוד האט אנגעהויבען פיהלען, אז ער ווערט אוועק געשטעלט איינזאם אויף א פארא'דיגען קאמפס פלאץ, איינזאם פון זיין פאמיליע, איינזאם פון זיינע אייגענע קינדער, און איינזאם פון זיין גאנצער סביבה, אין דעם מאמענט זענען געקומען די גדולי ישראל און גערופען צום לעבען די גרויסע מעכטיגע וועלט ארגאניזאציע „אגודת ישראל".

פיעל האט די געפליכטעטע, טויזענדער יודישע הייזער זענען צוריק איבערגעבויט געווארען, און דאס רעליגיעזע יודענטום האט געזעהן, אז נישט איינזאם איז עס אין קאמפף פאר איהר זעלבסטשטענדיקייט: עס געהן פאר דער מחנה די גרעסטע גאונים וקדושים די מועצת גדולי התורה. (דא בעט דער רעדנער צו געעהרען מיט אויפשטעהן די גרויסע נפטרים, מיטגלידער פון דער מועצת גדולי התורה, דעם סאכאטשאווער רבי, דעם פעלצעוויזנער רב און דעם ד"ר שלמה ברייער ז"ל). אין דער לעצטער צייט איז אבער ענטשטאנדען א פערגליווערונג און א פאראליז אין דער אגודה בעוועגונג. מיר האבען דעריבער גערופען די ראיאן קאנפערענץ צו געבען דעם שטויס דער צענטראלע, זי זאל אנהויבען רעארגאניזיר'ען אלע אגודות אין פוילען. אונזער הייליגע אויפגאבע איז דעריבער צו צוברעכען די געפרוירענע ווענט פון אפאטיע און גלייכגילטיגקייט פון דער צענטראלע און פון די ארטאדאקסישע מאסען.

כה אמר ה': שימו לבבכם על דרכיכם, לאמיר זיך אבגעבען א דין וחשבון ס'זאל חלילה נישט זיין „הרבה והבא מעט". ווינשענדיג הצלחה אין אונזער אחריותפולער ארבייט ערקלערט דער רעדנער די ערשטע ראיאן קאנפערענץ פון אלע אגודות שלומי און צעירי אמוני ישראל פאר געעפענט, און לעגט פאר אויסצואוועהלען א פרעזידיום פון הרה"ג ר' שלמה צאלקע [מאנקוביד], הרב בנימין מארגענשטערען (סאקאלאוו), ה' יהושע האלפערן (סטאצק)—פארזיצענדער, און פון די צעירים—די ה"ה יאגאדזינסקי און עלענבערג.

די רשימה פון פרעזידיום ווערט איינשטימיג בעשטעטיגט. אלס סעקרעטארען ווערען צוגעבעטען די ה"ה י. א. צוקער (שעדלעץ) און מ. בורשטין [זשעלעכאוו).

דער פארזיצענדער ה' יהושע האלפערן לייענט פאר דעם טאג-ארדנונג, ארום וועלכען עס ענטוויקעלט זיך א לענגערע דיסקוסיע. אין רעזולטאט ווערט בעשלאסען אויסצוועהלען פריהער דעם פערמענאנץ-אויסשוס, וועלכען עס ווערט אויך איבערגעגעבען צו בעארבייטען דעם סדר-היום. אין פערמענאנץ-אויסשוס ווערען אויסגעוועהלט די ה"ה יעקב שטשאריינסקי (שעדלעץ) הרב בנימין מארגענשטערען [סאקאלאוו] משה אהרן וויינטרויב [לוקאוו) מאיר שווארצמאן (שעדלעץ) און גרשין העניך קויפמאן (יאנאוו-פאדל.]

דער פערמענאנץ-אויסשוס געהט אריין אין א צווייטען צימער און מען טרעט צו צו די בעגריסונגען.

די בעגריסונגען.

דאס ערשטע בעגריסט אין נאמען פון דער ארטאדאקסישער פראקציע ביי דער קהלה פערוואלטונג אין שעדלעץ, ה' ב. יאקובאוויטש. דער לעצטער דריקט אויס זיין בעדויערען, וואס די שעדלעצער ארטאדאקסיע איז נישט פערטרעטען ווי געהעריג אין דער קאנפערענץ. ער איז אבער שטאלץ דערפון, וואס דער שטויס צו דער קאנפערענץ, די איניציאטיווע דערצו איז געקומען פון שעדלעץ. ער ווינשט, אז די קאנפערענץ זאל ברענגען די געהעריגע פרוכטען. אין נאמען פון קהלה ראט בעגריסט ה' י. טשאריינסקי, וועלכער ווינשט דער קאנפערענץ הצלחה אין איהר ארבייט. אין נאמען פון „אונזער וועג" — ה' ש. יעלין. אין נאמען פון דער טשעכאנאווער אגודה — ה' י. טייבלום. אין נאמען פון לעווארטאווער אגודה — ה' לעבעדיגער. אין נאמען פון בית יעקב אין שעדלעץ — ה' י. מ. קליינלערער. אין נאמען פון צעירי אגודת ישראל אין סאקאלאוו — ה' גרושקא. אין נאמען פון צ. א. י. אין פאריסאוו — ה" מ. ש. בעראווסקי. אין נאמען פון די צעירים אין זשעלעכאוו— ה' בורשטיין. אין נאמען פון די שעדלעצער צעירים — ה' א. קליינלערער. עס ווערט נאכהער איבערגעלייענט א רייה טעלעגראפישע און שריפטליכע בעגריסונגען פון פיעטריקאווער רב שליט"א, פון קאמיטעט פון לובלינער ישיבה, פון דער הנהלה הראשית אין ווארשא. פון רעד. פון „בית יעקב"א. ג. פוידענזאהן (לאדז), פון די מיטגלידער פון דירעקטאריום -- נטע בערלינער און יעקב ביאלער [ווארשא), און פון דער אגודה אין פאריסאוו.

הארכיון היהודי

עס ווערט דאן איינשטימיג בעשלאסען לויט'ן פארשלאג פון פארזיצענדען ה' יהושע האלפערין צו טאדלען די האנדלונג פון צ. ק. וועלכער האט באגאטעליזירט די ראיאן קאנפערענץ און נישט געפונען פאר נויטיג צו שיקען איהרס א פארשטעהער, גרינגשעצענדיג דערמיט דעם אויפבוי פון 40 אגודות אין פאדליאשע. עס ווערט בעשלאסען דעם דאזיגען פראטעסט איבערצושיקען טעלעגראפיש אויפ'ן אדרעס פון פיעטריקאווער רב שליט"א און צו דער אגודה צענטראלע אין ווארשא.

נאכדעם ווי דער סעקרעטאר ה' י. א. צוקער לייענט פאר אין פויליש דעם טעקסט פון דער פראטעסט טעלעגראמע, וועלכע ווערט אקצעפטירט דורך אלע פערזאמעלטע, ווערט געמאלדען דער בעשלוס פון פערמענאנץ-אויסשוס, אז די רעפעראטען א. ד. ט. „דער אלגעמיינער מצב פון דער אגודה", „די פאליטישע טעטיגקייט פון דער אגודת ישראל" און „די רעארגאניזירונג פון די פאדליאשער אגודות" זאלען פארגעלייענט ווערען אויף דער ערשטער זיצונג, אין ערשט דערנאך זאלען פארקומען די דיסקוסיעס איבער די רעפעראטען.

די רעפעראטען.

דאס ערשטע רעפערירט איבער די דערמאהנטע טעמעס דער מיטגליעד פון צענטראל ראט לאווניק ה' משה אהרן וויינטרויב (לוקאוו). דער רעדנער שטעלט זיך לענגער אב איבער דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון דער אגודה בעוועגונג, דערמאהנט די אונגעהויערע התלהבות און ענטוזיאזם, וואס האט געהערשט אויף דער צווייטער לאנדעס קאנפערענץ אין ווארשא, אויף וועלכער ס'זענען אנוועזענד געווען העכער 130 דעלעגאטען פון פערשיעדענע שטעדט אין פוילען, ווייזט-אן אויף די קאלאסאלע פערדיענסטען, וואס די „אגודת ישראל" האט צו פערצייכענען אויף איהר אקטיוו אין משך פון איהר טעטיגקייט לטובת דעם ארטאדאקסישען יודענטום, און געהט איבער צו דער שעדליכער פערגליווערטקייט, וואס איז לעצטענס אריינגעטרעטען אין דער אגודה ארבייט אויף אלע געביטען. די שולד פון דער דאזיגער אפאטיע און אבגעשטאנענקייט — זאגט דער רעדנער -- בעמיהט זיך די צענטראלע צו ווארפען אויף דער פראווינץ און די פראווינץ אויף דער צענטראלע. אבער קיין ממשות'דיגע מעשים א סוף צו מאכען צו דעם דאזיגען אוננארמאלען מצב האט מען ביז יעצט נישט געזעהן. עס דארף דעריבער בעגריסט ווערען פון גאנצען הארץ די איניציאטיוו פון אייניגע יונגע חברים צונויפצורופען די יעצטיגע קאנפערענץ, וועלכע האט דעם צוועק אריינצובלאזען א רוח חיים אין דער אבגעשטאנענער אגודה בעוועגונג. ווי גרויס ס'איז די פערשטענדעניש פאר דער דאזיגער אחריות-פולער אויפגאבע אויף דער פראווינץ, קען דיענען דער פאקט, וואס העכער 40 אנגעזעהענע אגודה עסקנים שלומיים און צעירים צוזאמען זענען זיך אויפ'ן ערשטען רוף צונויפגעקומען, כדי צו געפונען אן אויסגאנג פון דער שווערער לאגע.

די ראיאן-קאנפערענץ — זאגט דער רעדנער—האט פאר זיך צוויי אויפגאבען: קודם כל דארף געזארגט ווערען וועגען דער רעארגאניזירונג און אויפבוי פון די פאדליאשער אגודות, און אוועקצושטעלען זיי אויף דער געהעריגער הויך דורכ'ן רופען צום לעבען א ראיאן-קאמיטעט, וואס זאל וואכען איבער דער אגודה-ארבייט פון יעדער שטאדט און שטעדטעל. עס זענען אבער פערהאן אזעלכע אגודה פראבלעמען ווי דאס ערשיינען פון א טאג-צייטונג, ישוב ארץ ישראל, אלגעמיינע פאליטיק א. א. וו. וועלכע קענען ביים בעסטען ווילען נישט געלעזט ווערען דורך ראיאן-קאמיטעטען. דערצו איז אונבעדינגט נויטיג צו בעוועגען דעם צענטראלען אגודה-אפאראט און איהם אויפצולעבען. אט אין וואס—ענדיגט דער רעדנער — עס דארף בעשטעהן די ארבייט פון דער ראיאן קאנפערענץ.

דעם רעפעראט פון ה' וויינטרויב ערגענצט ה' מ. שווארצמאן (שעדלעץ), וועלכער רעדט אלזייטיג ארום דעם יעצטיגען מצב פון דער אגודה און די פאליטישע טעטיגקייט פון דער „אגודת ישראל," אבשטעלענדיג זיך בעזונדערס איבער דעם אינדיפערענטיזם פון די ארטאדאקסישע סיים דעפוטאטען לגבי דער ענטוויקלונג פון דער אגודה-בעוועגונג. אין די געגנערישע לאגערען שטעהען די טייערע דעפוטאטען אין אן'ענגען קאנטאקט מיט זייערע וועהלער. די ארטאדאקסישע וועהלער דאגעגען האבען אפילו נישט די געלעגענהייט צו קענען זייערע דעפוטאטען. דער רעדנער רעדט אויך וועגען די ארטאדאקסישע פארשטעהער אין די שטאדט-ראטען און אין די קהלות, וועלכע זארגען לחלוטין גאר נישט וועגען דעם פינאנסיעלען מצב פון די בית-יעקב שולען, תלמוד-תורות א. א. וו. צום סוף לעגט דער רעדנער פאר א רייה ענטשפרעכענדע רעזאלוציעס, וועלכע ווערען איבערגעגעבען דעם פערמאנענץ אויסשוס.

עס רעדט דאן הרב ב. מארגענשטערען (סאקאלאוו) איבער דער פאליטישער טעטיגקייט פון דער אגודה, אנווייזענדיג, אז נישט קוקענדיג אויף דעם אלגעמיינעם קריזיס האט דאך די אגודת ישראל בעוויזען פיעל צו לייסטען אויפ'ן ווירטשאפטליכען געביעט אין ארץ ישראל. עס דארף אויך — זאגט דער רעדנער — בעגריסט ווערען די אונערמידליכע אינטערווענצען פון דער אגודה צענטראלע אין וויען ביים פעלקערבונד, א דאנק וועלכע ס'איז געלונגען אבצוהאלטען דאס בעשטעטיגען דעם חקת הקהלות פון ועד הלאומי, וועלכער בעדראהט די עקזיסטענץ פון גאנצען ארטאדאקסישען יודענטום. די פראגע איז אבער נאך ביז יעצט נישט געלעזט. א בעזונדער ערנסטע ווענדונג האט אנגענומען דער ענין נאך דער ערקלערונג פון אייניגע רבנים אין א"י-דיגען משרד הרבנות, וועלכע האבען זיך ארויסגעזאגט אין פאזיטיווען זין לגבי דעם קהלות סטאטוט פון ועד הלאומי.

דער רעדנער טראגט אריין א רייה פארשלאגען, דערונטער אויפצופאדערען די „אגודה" פארטצושעצען